

# פארוואס זאלט איר ווערן גע'סקרינ'ט פאר קאלאן קענסער

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט .nyc.gov/health/coloncancer





## וואס זענען די סימפטאמען פון קאלאן קענסער?

**גייט צו אייער פראוויידער אויב איר האט סיי וועלכע פון די סימפטאמען. ווארט נישט ביז אייער קומענדיגע סקרינינג.** די סימפטאמען מיינען נישט אייביג אז איר האט קענסער. אייער פראוויידער קען אייך העלפן זען וואס איז נישט גוט. אויב מען זעט אז עס איז יא קענסער, וועט אנפאנגען באהאנדלונג אייך געבן די בעסטע שאנס פון ווערן בעסער.

- בלוט אין אייער סטול (פיסיס) אדער אין די טוילעט נאך א באועל באוועגונג
- סטול וועלכע קוקט אויס טונקל רויט אדער שווארץ
- שלשול אדער פארשטאפטקייט וואס גייט נישט אוועק
- א טויש אין די פארעם פון אייער סטול
- א געפיל אז אייער באועל ליידיגט זיך נישט גענצליך אויס
- ווייטאג אין אייער בויך וועלכע האלט אין איין צוריקקומען אדער גייט נישט אוועק
- פארלוסט פון אפעטיט אדער אומערקלערטע וואג פארלוסט
- שפירן אומגעווענליך מיד אדער שוואך

## וואס איז אויב איך האב נישט קיין העלט אינשורענס?

פאר הילף איבער טרעפן העלט אינשורענס דעקונג, באזוכט nyc.gov/healthcoverage אדער רופט **311**.

פאר הילף איבער טרעפן אומזיסטע אדער ביליגע קאלאן קענסער סקרינינג:

- רופט **311** צו ווערן פארבינדן מיט א NYC Health + Hospitals אפטיילונג.
- רופט די ניו יארק סטעיט קענסער סערוויסעס פראגראם אויף 866-442-2262 אדער באזוכט .health.ny.gov/diseases/cancer/services

## וואס נאך קען איך טון זיך צו באשיצן פון קאלאן קענסער?

פאלגנד זענען עטליכע זאכן וואס איר קענט טון צו האלטן אייער קאלאן געזונט:



- זייט פיזיש אקטיוו.
- עסט מער פרוכט, גרינצייג און פולע מעל.
- עסט ווייניגער פראצעסירטע און רויטע פלייש (ווי דעלי פליישן, גערייכערטע פליישן, ווורשטן, און בעיקאן).
- טרונקט ווייניגער אלקאהאל.
- אויב איר רייכערט, פרובירט אויפצוהערן.
  — באזוכט nyc.gov/nycquits פאר הילף אויפצוהערן, צוריקציען, אדער בלייבן רויך-פריי ווען איר ווילט.

## וואס איז קאלאן קענסער?



קאלאן קענסער (אויך באקאנט אלץ קאלארעקטאל קענסער) איז קענסער וואס פאנגט זיך אן אין די קאלאן (די גרויסע אינטעסטין אדער גרויסע באועל) אדער רעקטום. עס פאנגט זיך אפט אן מיט קליינע באמפס אדער געוואוקסן גערופן פאליפס וואס וואקסן לאנגזאם פאר יארן. רוב פאליפס זענען נישט קענסערדיג, אבער טייל קענען פארוואנדלט ווערן אין קענסער. איינמאל א פאליפ ווערט קענסערדיג, קען עס נעמען נאך צייט פאר די קענסער אנצופאנגען צו פאראורזאכן געזונטהייט פראבלעמען. ווען איר באמערקט שוין סימפטאמען, איז די קענסער געווענליך שווערער צו באהאנדלען אדער אויסהיילן.

## וואס איז קאלאן קענסער סקרינינג?

קאלאן קענסער סקרינינג איז א וועג נאכצוקוקן די געזונט פון אייער קאלאן, אפילו נאך פאר איר האט סימפטאמען. עס איז א וועג זיך צו באשיצן פון קאלאן קענסער און קען ראטעווען אייער לעבן.

סקרינינג פאר קאלאן קענסער האט צוויי צילן:

1. טרעפן און ארויסנעמען פאליפס איידער זיי ווערן פארוואנדלט אין קענסער.
2. טרעפן קענסער ווען עס איז נאך קליין אדער אין א פריע-שטאפל כדי צו האבן א בעסערע שאנס צו ווערן אויסגעהיילט.

## ווער זאל זיך סקרינען פאר קאלאן קענסער?

יעדער קען באקומען קאלאן קענסער, דעריבער איז קאלאן קענסער סקרינינג פאר **יעדעם**.

## ווען זאל איך אנפאנגען צו ווערן געסקרינט?

רוב מענטשן זאלן ווערן געסקרינט די ערשטע מאל ביי די 45 יאר אלט און זיך ווייטער סקרינען כאטש ביז די 75 יאר אלט. מענטשן מיט א פארהעכערטע ריזיקע פון באקומען קאלאן קענסער דארפן זיך מעגליך אנפאנגען צו סקרינען פארן ווערן 45 יאר אלט.

צו אויסגעפונען ווען אנצופאנגען זיך צו סקרינען, רעדט מיט אייער העלט קעיר פראוויידער וועגן אייערע **ריזיקע פאקטארן** פאר קאלאן קענסער.

**ריזיקע פאקטארן** פאר קאלאן קענסער פארמערט א מענטש'ס מעגליכקייט פון באקומען קאלאן קענסער. ריזיקע פאקטארן וועלכע קען אפעקטירן ווען און ווי אפט צו ווערן געסקרינט רעכענען אריין:

- קאלאן קענסער אדער פאליפס אין אייך אדער א פאמיליע מיטגלידער
- אלסערעטיוו קאלייטיס אדער קראונ'ס דעזיז
- א גענעטישע סינדראם אזוי ווי פאמיליעל אדענאמעטאוס פאליפאסיס אדער לינטש סינדראם
- סיסטיק פיבראסיס
- באהאנדלונג פאר סיי וועלכע קענסער פאר די עלטער פון 40 יאר

**טייפ 2 דייאביטיס, אלקאהאל באנוץ, און טאבאקא באנוץ זענען אויך ריזיקע פאקטארן פאר קאלאן קענסער.**





## ווי אפט זאל איך ווערן געסקרינט?

ווי אפט זיך צו סקרינען פאר קאלאן קענסער ווענדט זיך לויט וועלכע סקרינינג טעסט איר נוצט:

- א **קאלאנאסקאפי** דארף מען טון יעדע 10 יאר. אויב איר האט ריזיקע פאקטארן, פרעגט אייער פראוויידער אויב איר דארפט א קאלאנאסקאפי מער אפט.
- א **סטול-באזירטע טעסט** דארף געטון ווערן יעדע איין ביז דריי יאר, געוואנדן אויף די סארט טעסט איר האט געטון.

## וועלכע סקרינינג טעסט זאל איך האבן?

קאלאנאסקאפי און סטול-באזירטע טעסטס זענען די באקאנטסטע סקרינינג טעסטס. אייער פראוויידער קען אויך פארשלאגן אנדערע אויסוואלן. רעדט צו אייער פראוויידער איבער וועלכע טעסט איז די בעסטע פאר אייך:

- **קאלאנאסקאפי:** מען וועט אייך געבן מעדיצין אייך צו מאכן שלאפן (איינשלעפונג). דאן, וועט א פראוויידער נוצן א רער מיט א קליינע קאמערע ביי איין עק אריינצוקוקן אין אייער קאלאן, אונטערזוכן פאר קענסער, און אויפכאפן און ארויסנעמען פאליפס. איר וועט דארפן אויספאלגן א דיעטע פון בלויז געטראנקען און נעמען מעדיצין אויסצוריינינגן אייער קאלאן איידער א קאלאנאסקאפי.
- **סטול-באזירטע טעסטס:** איר נוצט א ספעציעלע פעקל צו נעמען א ביישפיל פון אייער סטול אינדערהיים און דאן שיקט איר צוריק די פעקל פאר אונטערזוכונג. אויב אייערע רעזולטאטן זענען נישט נארמאל, וועט איר דארפן נאכפאלגן מיט א קאלאנאסקאפי. סטול-באזירטע טעסטס זענען אן אויסוואל פאר מענטשן וועלכע האבן נישט א הויכע ריזיקע פון קאלאן קענסער.

**אפגעזען וויאזוי איר זענט געווארן געסקרינט, מאכט זיכער צו באקומען אייערע רעזולטאטן.**אויב אייערע רעזולטאטן זענען נישט נארמאל, פאלגט אויס אייער פראוויידער'ס אנווייזונגען איבער וואס צו טון נאכדעם.

## טוט העלט אינשורענס דעקן סקרינינג?

מערסטנס אינשורענס פלענער, אריינגערעכנט Medicaid און Medicare, דעקן קאלאן קענסער סקרינינג. פאר פילע מענטשן, וועט נישט זיין קיין קאסט ארויס-פון-טאש.

